# יוני

## ליטעראטור, קונסט
## און קריטיק

**א י נ ה א ל ט :**

ד"ר ב. שטילמאן : פארוואס טאקע ניט | מאטל וועקסלער : א חלום (ליד) | יעקב שטאָל : דער אלטער רעזשיסער (ליד) | אברהם בליי : מיניאטורן | י. ר. : "און" "ווייל" | ליובע וואסערמאן : לעצטע פרייד (ליד) | י. צ. שארגעל : מיין יעדער טאג (ליד) | מנחם סטעמפל : די פויסט (ליד) | אהרן קאווע : דער אלטער שמיד | א. בליי : אָן הענטשקעס | מאטל פייגעס : הי"ה כן ר' אלתר דרויאנאוו ! נאטיצן.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
MAR 1972

פארלאג
«אין צוים»
תל־אביב

תל־אביב, יוני 1931

פארלאג „אין צוים״ – תל־אביב

אין קורצן דערשיינט

## „א חתונה אין קאטרע״

פון יעקב שטאָל

א שיינע אויסגאבע׳ קליינער פארמאט

פרייז אין לאנד: 25 מילים

״ אין אויסלאנד 25 סענט

בוכהאנדלונגען און ביבליאטעקן קריגן

דעם געהעריקן ראבאט׳

מאכט אייער באשטעלונג גלייך

Varlag "In Zoim„ P. O. Box 313 Tel Aviv Palestine



# יוני

ליטעראטור׳ קונסט׳ קריטיק

פארלאג „אין צוים״ — תל־אביב

רעדאקטירט — אברהם בליי

תל־אביב — יוני — 1931




ד״ר ב. שטילמאן | תל־אביב.


## פארוואס טאקע ניט

און ווען איך וואלט געפרעגט:

וואס פאר א שטער, רבותי, וואלט עס געווען צום העברעאיזם און צו זיין השפעה אין לאנד, ווען דער „הארץ״, אדער דער „דבר״ זאל ארויסגעבן אמווייניקסטן איין מאל אין וואך א ביילאגע אין יידיש, ווי מע גיט ארויס א ביילאגע אין ענגליש אדער אין דייטש? מיט וואס פארט האט דער ענגליש־לייענער אזוי נושא חן געווען ביי אייך און דער יידיש־לייענער זיך נעבעך אזוי פארזינדיקט?

איך קאן שווערן, מיט טלית און קיטל, אז די פראגע ווערט אדער וואלט בצינעא געשטעלט געווארן ניט נאר פון מיין ווייניקייט, נאר אויך פון יעדן איינעם, מעג זיין דער הייסטער העברעאיסט, אויב ער האט נאר א ווארעמען אינטערעס פאר די קולטורעלע הצטרכותן פון דעם היגן פשוטן יידישן עולם.

ווייל יעדער איינער, וואס האט נאר אויגן און וויל זיך מיט זיי באנוצן, מוז דאך איינזען, אז אמווייניקסטן פופציק פראצענט פון דער היגער יידישער באפעלקערונג ווערט פון טאג צו טאג עם־הארצישער און פארלירט יעדען ברעקל אינטערעס אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

ווייל יעדער איינער, מוז דאך איינזען, אז ווען קיין צייטונג לייענט מען ניט (סיידן אין 3—4 וואכן ארום, ווען מע באקומט די יידישע צייטונג פון ניו־יארק, צי פון ווארשע), קיין בוך אודאי ניט, און פון א לעקציע און פארזאמלונג געוואוינט מען זיך ביסלעך אפ (ווייל אז מען באזוכט יא א לעקציע, אדער א פארזאמלונג, פארשטייט מען דאך סיי ווי ניט דעם אפיציעלן לשון), איז אויף אזא אופן ווערט מען אפגעפרעמדט פון אלץ, און מע האט אינזינען בלויז די אייגענע מאגערע שיסל.

און ווי להכעיס, האנדלט זיך דא נישט פון א סתם׳ עולם. יעדער תושב, צי ער איז אהער געקומען פון אמעריקע, צי ער איז געקומען פון פוילן, אדער פון ליטע, האט זיך דארט אין דער אלטער היים צוגעוואוינט צו א טעגלעכער

צייטונג, צו א יידיש בוך, צו הערן א לעקציע און צו באזוכן א פארזאמלונג. ביי דער פארזאמלונג זיך טאקע אנזען, זיין דער פארזיצער, אדער דער סעקרעטאר דערצו זייער אפט ארויסזאגען, בפני כל עם ועדה זיין אייגענע מיינונג. קורץ, ער איז געווען א „יש״.

דאס האט דאך אים געטריבן אין ארץ ישראל, מע קאן דאך ניט אפלעבן יארן און יוצא זיין מיט א שקל און מיט א נדבה פארן קרן היסוד אדער געווערק־שאפטן־קאמפיין. די יידישע פרעסע אומעטום וועקט און מונטערט, שיידט מען זיך פון אייגענע און באקאנטע, פון א רייך געזעלשאפטלעך לעבן און מע קומט אין ארץ ישראל, אין לאנד פון חלומות און האפנונגען.

ערשט דא, ווערט מען שטויב. ווערט מען אפס. זיך אנהויבן לערנען העבראיש, איז מען שוין א בן ארבעים, און דא דארף מען זארגן פאר דער טעגלעכער חיונה, איז דער קאפ ניט דערביי, און אפילו די וואס שטרענגען זיך אן און לערנען זיך שוין צו א ביסל, האט מען פארט ניט דעם מוט צו פלאפלען אין דער עפנטלעכקייט, און פלאפלען העבראיש פלא־פלען מענטשן, וואס זענען שוין 20—30 יאר אין לאנד. ווער עס באזוכט פארזאמלונגען אדער קאנפערענצן, קאן עס באשטעטיקן. אזא פארזאמלונג, אדער קאנפערענץ, מאכט אויף א זייטיקן מענטשן א מאדנעם איינדרוק. עס רופט פשוט ארויס א־רחמנות־געפיל צו די דערוואקסענע מענטשן, וואס מוטשען זיך אזוי און קאנען קיין געדאנק ניט ארויסברענגען.

אומבאוואוסטזיניק מוז אזא איינער באקומען א שנאה צום לאנד, צום ישוב, וואס האט פון אים געמאכט נול, וואס האט אים פארוואנדלט אין אזא קול־טורעלען, אדער געזעלשאפטלעכן טויגעניכטס. אומבאוואוסטזיניק, ווייל אליין איז מען דאך אויך העבראיסטיש, און אפשר ניט, נאר מע שעמט זיך פשוט אויסזאגן, אז מע איז ניט אזא געוואלדיקער חסיד פון העבראיש, און אפשר גאר דערפאר ווייל מע גיט זיך קיין חשבון ניט אפ.

און נאכאמאל, רבותי, די זעלביקע פראגע:

וואס פאר א שטער וואלט עס געווען צום העבראיזם און צו דער העבראישער השפעה אין לאנד, ווען די היגע העבראישע פרעסע זאל אמווייניקסטן איין מאל אין וואך ארויסגעבן א ביילאגע אין יידיש, ווי מען גיט ארויס ביילאגעס אין ענגליש אדער אין דייטש...

אדרבא, זאל מען דערויף געבן א קלארע תשובה, אדרבא!

מאטל וועקסלער | חיפה

## א חלום

כ׳האב אין אונט־שעה געחלומט
פון א מארגנרויט,
און פארגעסן, אז צוקאפנס
ווארט אויף מיר דער טויט.

עמעץ וועט פרימארגן קומען
זען מיך, בלאס אין בעט
וועט מען ברענגען פרישע בלומען—
און א טהרה־בעט.



יעקב שטאָל | שכונת באראכאוו

## דער אלטער רעזשיסער

דאווידאוו׳ן

דער אלטער רעזשיסער לויפט ארום
און ברענט מיט וואקכאנאליע אויף דעקאראציע־ווענט.
ראמפע איינס:
ווארפט דאס ליכט אויף יעדן מעסער־שטאך,
ראמפע צוויי:
פארטרייבט דאס פינצטערניש פון יעדן לאך,
ראמפע דריי:
ווארעמט אים די אויגן זיינע אויס,
ראמפע פיר:
בייסט דעם פארהאנג אויף דער אוואנסצען.
וואקכאנאליע אויף יעדן לעמפל לויפט.
יארן גרויע, מידע, האבן אים צעשרויפט.
די סצענע אינם הימל ברענט,
טעאטער שטויב אויף זיינע הענט.
די אקטריסע גלעט דאס ליכט אויף אירע בריסטן:
ס׳וועט די בינע ביידע אונדז פארוויסטן.
פויגל מיינער, קעצעלע, זיסער קאפ.
מיין הארץ איז ווי א ליימען טאפ —
ווען איך וויל, צעברעך איך עס ווי שערבלעך, שטיקלעך שטויב.
און פונם עולם צי איך טרערן, קרעכצן, לויב.
אלטער רעזשיסער!
דיין אלטקייט לאזט די זון אראפ צום גרונט,
דיין אלטקייט צוואגט מיין הארץ, ווי א פיצל קינד,
דיין אלטקייט נעמט מיין לייב ארום
און גלעט עס אויס מיט ראזן גרים.
דיין הצלחה צערט מיין לייב.
נאכן שפיל—בין איך א ווייב.
דיין הייסער קאפ פארברענט אין הינטער־גרונט דעם וואלד,
דאס לעבן מיטן פויגל־שפיל ווערט אלט,
דאס טעאטר־לעבן מיטן פויגל־שפיל אין דרימל,
דאס מעסער —
שניידט דעם פארהאנג ביז צום הימל.

פעברואר, 1930.

אברהם בליי | תל־אביב

# מ י נ י א ט ו ר ן

## א משל

תול כרם. נאכט. שלאפן שטיין, בערג און טאל ארום. קלינגט אפ פון דערווייטנס דאס איינטאניקע קלינגען פון גלעקער ארום די העלדזער פון וואנדערנדיקע קעמלען אין טאל. שלעפט איינער א זאטל צו פאריכטן, כדי מארגן פרי צוריק אויפן אייזל רייטן אין פעלד. קומט אראפ פון בערגל אן אלטיטשקער און טרייבט א קיעלע, וואס איז צווישן בערג פארבלאנדזעט געווארן. פארריגלט איז טיר און טויער. אייזערנע גראטעס ווערן גרויער און גרויער, גרייט צו דינען דער נאכט פון רו און פון חלום. הערט זיך דאס כראמטשען פון קי אין די הויפן, און דאס שטילע שנארכן פון די שאף. אינם שטאטישן קאפע־הויז נאר זשומעט דער ברענענדיקער לוקס, דער אנזאג פון נאכטיקן לעבן.

ביי א טישל מיט מיר זיצט פעזי און טרינקט א קאווע. גלאנצן זיינע וואָנסן, קוקן אים גלייך אין די אויגן אריין. פארטראכט ער זיך אין טיפע מחשבות. ער שטעלט אוועק דאס טעפעלע אויפן טיש. גיט א מאך מיטן האנט. נעמט גיך ארויס א סיגארעט פון פושקע, פארויכערט. פארגנבעט זיך צו אים א פארווייטיקט שמייכעלע, און מיט אמאל גיט ער א זאג:

„גוט איז אייך, מאסקאב, איר דארפט קיין געלט ניט צאלן פאר קיין ווייב, זי צאלט נאך צו און זי גייט אין מארק יעדן טאג, ברענגט פון אלדאס גוטס אין שטוב אריין: פאמידארן, אוגערקעס, טייטלען אלץ פון פרוכט און פון גרינס,—ביי אונדז אבער, כאוואדזשא, ביי אונדז איז שלעכט, גאר אנדערש דארפסט שפארן טאאריפע צו טאאריפע יארנלאנג פון אייגענער הארוואניע כדי א ווייב זיך איינצושאפן, און ערשט נאכדעם דארפסטו גיין אין מארק אריין ברענגען אלץ. ניין. ניט גוט, ניט גוט ביי אונדז".

גיט פעזי נאך א זופ קאווע, פארטראכט זיך מער, ווערן די אויגן פארזשמורעט. הויבן זיך די וואנסן פונם בלאז פון די נאז־לעכער, פאררויכערט נאך א סיגארעט, פארקריצט ער מיט די ציין:

— טרינק כאוואדזשא הייס דערלאנגען. אויף מיר! איך וועל צאלן. אט נעם אויך א סיגארעט און פאררויכער.

דערמאנט זיך מיט אמאל פעזי, אז פאלש זענען די ווייבער און פארפירעריש, זעט ער שוין זיין אייגן ווייב א פאלשע. לאזט ער מיט אמאל אראפ די אויגן און קרעכצט אפ אין דער שטיל.

— וואס זשע איז דיר, פעזי — זאג איך — וואס האסטו פלוצלונג פארלארן דעם גלאנץ פון די אויגן?



— און אז איך וועל זיך שוין האבן איינגעשאפט א ווייב און זי וועט ניט גיין אין גלייכן וועג, שווער איך ביי אללא, אז איך וועל נישט חס זיין אויף דער הארוואניע פון א לעבן לאנג, מיטן קורבאטש וועל איך איר קאטעווען ביז בלוט וועט רינען, און נאכדעם וועל איך זי ארויסשליידערן אויף שליאכן ווי א קרעציקן הונט.

— אבער, פעזי, חביבי. אזוי פיל יארן ווארטן אויף אן אייגן ווייב און נאכדעם איר אזוי באהאנדלען? יעדער גליטשט זיך אמאל אויס, שטייט מען אויף און מ׳גייט ווייטער. ניט שיין, פעזי, פון אן אייגן ווייב אזוי צו טראכטן...

— ניט רעד אזוי, כאוואדזשא. א ווייב, ווייסטו, אז א ווייב איז צו אן אייזל געגליכן, צו אן אייזל און ניט מער. אט זע!

שארט פעזי אוועק אלץ ארום זיך פון טיש. ברויזט ער אויף נאך מער, שטעלט ער שיף אוועק זיין האנט אויפן אפגעליידיקטן פלאץ פון טיש:

— אט זע כאוואדזשא, אט דא איז דער וועג, דער גלייכער וועג. זיצסטו אויף דיין אייזל, רייטסט און טראכסט צו פון די גרויע בערג, צי פון טיפע טאלן, צי פון פארזייטן פעלד אדער גאר פון גרויסן מארק און דו פארלאזט זיך אויף דיין אייזל, אז פירן וועט ער דיר אויפן גלייכן וועג. אט אזוי! און ווען דער אייזל פארקירוועט זיך גאר אן א זייט און וויל דיך ערגעץ אויף פאלשע וועגן פארפירן, כאפסטו ניט גלייך דעם קורבאטש און האקסט אין אים אריין וויפל נאר עס גייט אריין? הא? זאג, כאוואדזשא, ניט ריכטיק אפשר? א יא?— אזוי איז אויך א ווייב. גייט זי אויפן גלייכן וועג—גוט. ברענגסטו איר פון מארק אלדאס גוטס: טאמאטן, קוסעלעך, טייטלען און ראזשינקעס, יאדערלעך, און וואס דען ניט. האט זי דיר קינדער. וואקסן זיי גרעסער, גרעסער. אבער, אז זי גייט אראפ פון גלייכן וועג, כאוואדשא, איז ניטא קיין בעסער מיטל ווי דער קורבאטש .....

— יא, פעזי, א ווייב איז אבער ניט קיין אייזל?

גיט פעזי א קליין שמייכעלע הינטער די וואנסן. כאפט ער א קוק אויפן מיר פון אויבן אראפ. כמעט מיט רחמנות ווי אויף א נישטיקן, וואס פארשטייט ניט די פשוטע וועגן פון דער וועלט.

— נו, כאוואדזשא, דו ביזט דאך א מאסקאב, ביי אייך איז דאך אנדערש. אבער זע, ווער רייט אויף וועמען, דער אייזל אויף דיר צו דו אויפן אייזל?

— געוויס איך אויפן אייזל.

בלייבט שוין נאכדעם פעזי שטיל און בארואיקט. זיכער, אז ער האט מיך בייגעשטאנען. באשטעלט ער נאך א קאווע פאר זיך און פאר מיר, דעם מאסקאב. קומען געסט נאך אין קאפע־הויז אריין. ווערט א טומל. רוקן זיך טישלעך. דרייט זיך א פלאטע אויפן גראמאפאן און זיס זינגט די זינגערין אום

קולסום אין דער נאכט אריין:

יא לייל . . . . יא לייל . . . .

יא לייל . . . . יא לייל . . . .

קלאפן די ביינדלעך פון עש—בעש, א שווארצס—אהער און א ווייס־אהין. בולבען פלעשער פון נארגילעס. צעגיסט זיך מער דאס געזאנג פון אום קולסום. פארזשמורען געסט די אויגן, פארנעמען דאס געזאנג, און א קרעכץ א שותפות־דיקער דערהערט זיך מיט אמאל:

יא לייל . . . . יא לייל . . . .

הייסט פעזי ברענגען די דאמינא ביינדלעך, צו שפילן מיט מיר. לייגט ער יעדן ביינדל אויפן טיש מיט א קלאפ צו. מיט א זיכערקייט. זיכער איז פעזי מיט אלץ, מיט זיך, מיט די דאמינא ביינדלעך און מיט זיין רעכט אויף א ווייב.

## מעשה דערציילער

אראביש קאפע. ווענט באמאלן מיט פראנזן. סטעליע באמאלט מיט ווייסע טויבען. פארקאפטשעט פון רויך איז דאס געמעלעכץ. קליינע טישלעך מיט אייזערנע צודעקלעך. בענקלעך פון טשערעט געפלאכטענע. ארום זיי ברוין־פארברענטע פנימער אויגן פארפירערשע, וואנסן שטארנדע. קאלירטע אבאיעס מיט מאסקאבישע רעקלעך פון אויבן. בלעכענע און קופערנע רינגען אויף די פינגער.

פארזוכט מען א פרישע קאווע, טרינקט מען טאבאק פון נארגילעס. דריקט מען קארעלן ברוינע אין די הענט. דרייט זיך ארום דער דערלאנגער, גיסט אונטער קאלט וואסער, לייגט צו א ברענענדיקע קויל אויפן טאבאק אין נארגילע. אויף א בינע אינגאנצן א באמאלענע זיצט דער מעשה־דערציילער אין א מלאך־קלייד: א ווייסער כאלאט פון זייד, ברייטע ארבל, דינע זאקן, גלאנצענדיקע שיך אפגעפוצטע, רויטער תרבוש אויפן קאפ, וואנסן מיט פאמאדע אנגעשמירט, אנדערש ווי אלע אין קאפע. זיצט ער א פוס פארלייגט אויף א פוס. ארום אים א הוד מיט סטרונעס געציילטע, אלע פון נידעריקע טענער דערלאנגט מען אים איינס נאכן צווייטן א פרישע קאווע, א גוטן ציגאר, אויפן חשבון פון באלעבאס און געסט.

זענען אלע אויגן צו אים געווענדעט. גיט ער א גלעט די וואנסן פון רעכטס און פון לינקס, מאכט צו אויף האלב די אויגן און הייבט אן:

— קאן ויאקאן—אזוי איז עס געווען און אזוי וועט עס זיין, איז געווען אמאל א ניט גלויביקער אזא, האט ער קיין געבעט צו אללא ניט געשיקט, האט ער אין די וועגן פון מוכאמעד דעם הייליקן געפעלשט, און געמיינט האט ער, אז שטענדיק וועט ער אומבאשטראפט ווערן, אז שטענדיק וועט וואקסן זיין רייכקייט



—ווייל רייך איז ער געווען—און געטראכט אז רחום וחנון איז אללא דער הייליקער. איז ער אבער איין מאל ארויסגעפארן אין דער גרויסער שטאט, אין דער שטאט פון גרויסע פאלאצן און רייכטימער. איז ער פארבייגעפארן א וואדי א גרויסע צווישן בערג. האט זיך א מחנה מיט ווילדע פייגל א לאז געטאן פון הינטער די בערג. שווארץ איז געווארן דער הימל פון זיי און פארנאכט, ברידער, פארנאכט איז דער אייזל אליין צוריק אין דארף געקומען. אוואו איז אומגעקומען דער ניט גלויביקער? קאן אן אייזל ניט רעדן. ווייסט ער ניט צו דערציילן ווי גרויס עס איז די וואונדער און שטראף פון אללא...

קרעכצן אלע אפ מיט אמאל, מורמלען ליפן שטיל:

א ל ל א  י א  א ל ל א !

ווערט די גאנצע מענגע ווי א קינד. שרעקן זיך אויגן און קוקן גלייך אויף דער בינע. בולבען די נארגילעס. כאפט דער דערציילער די הוד, שפילט צו א־פאר טענער און זינגט אויס:

אמאל אין פעלד
אין א פארנאכט,
פון א זיס מיידעלע
האב איך געטראכט.

זינגען אלע צו:

פון א זיס מיידעלע
האב איך געטראכט.

קומט צוריק דער גלאנץ אין די אויגן. צעגיסט זיך א זיסער שמייכל אויף די ראנדן פון די ליפן. גיט דער מעשה דערציילער א שטארקן זופ פון דער פרישער קאווע צופרידן וואס אפגעלעבט האט דער עולם. דערציילט ער ווידער פון א ווילדן פויגל וואס האט זיך פאר אן אייזל פארשטעלט און האט ביים זייען די גאנצע זריעה אויפגעפרעסן. דערציילט ער פון א שעפעלע אזא וואס האט מיט א גאלדן פישל א ליבע געפירט אין קוואל. זינגט ער לידער פון גוט און שלעכט. פון הימל־מיידלעך און פון שדים, פון א שיינער נאכט און פון טיפן טאל.

קאפטשען די לעמפלעך אין קאפע הויז. דרימלט איינער נאכן צווייטן. קומען חלומות און פארשלעפן צו הימל־מיידלעך ווערט דאס פנים ברייטער. קומען חלומות פון שווארצע שדים— ווערט א בייסעניש אין פלייצע און אין נאז.

— הא? הא!

זינגט און דערציילט דער מעשה דערציילער אזוי לאנג און אזוי ברייט ביז ער אליין פאלט אריין אין א זיסן שלאף און אין א ים פון חלומות אייגענע אויסגעטראכטע...

תול כרם 1930.

י. ר. | תל־אביב

# „און" „ווייל" . . .

## (א שטיקל פעסטשטעלונג און א טענה)

צוויי באזונדערע פארמולירונגען זענען עס צו דער אויפקלערונג פון דעם פארביטערטן קאמף וואס צווישן יידישיסטן און העברעאיסטן, צוויי פארמולירונגען, וועלכע שיידן זיך אונטער איינע פון דער אנדערער נאר דורך א קליינעם, איינציקן פארבינדונגס־ווארט צווישן די זאצן: איין פארמולירונג האט אויסגעקליב דעם „און" אלס פארבינדונגס ווארט און די צווייטע—דעם „ווייל".

ענטוועדער: העברעאיסטן באקעמפן יידיש און יידישיסטן באקעמפן העברעאישן אדער העברעאיסטן באקעמפן יידיש, ווייל יידישיסטן באקעמפן העברעאיש.ביידע פארמולירונגען האבן, באמת, מער צו טון מיט דער סוביעקטיווער איינשטעלונג בא די קעמפנדיקע צדדים, ווי מיט דעם אביעקטיוון וועזן פון קאמף גופא, מער מיט די בוימל אויף די רעדער, ווי מיט די רעדער אליין, מער מיט דער פסיכאלאגישער, ווי מיט דער אלגעמיין־אידעאלאגישער זייט פון דעם קאמף.

ס'איז ענלעך אויף דעם אונטערשייד אין ניגון, מיט וועלכן דער טאטע, אין דעם באקאנטן פאלקס־וויץ, לייענט זיין זונס בריוו וועגן שיקן אים געלט:

שיקן געלט וועט דער טאטע דעם זון דאך סאי־ווי־סאי, מער ניט־בא איין נגון וועט ער עס טון מיט פארביטערונג, מיט גרימצארן און בא דעם אנדערן נגון—מיט בלויזער אנארקענונג פון פליכט. דער „און" נוסח שטעלט פאר דעם קעגנזייטיקן קאמף ווי צוויי פאראלעלע פון זיך אליין און זעלבסשטענדיק קומענדיקע פראצעסן, ווען דער „ווייל"־נוסח מאכט אפהענגיק איין פראצעס פון צווייטן, שטעלט איין צווישן זיי די שייכות פון זיך איבערהאקנדיקע ליניעס, פון א טעמפן ווינקל „צירקולוס וויטאזוס".

י א פ ו ן א ט ע מ פ ן ו ו י נ ק ל. פון א מין „צירקולוס וויטיאזוס" אזא, פון א מין פארפלאנטערטער שייכות וואס צווישן איי און הון, וואו מ'קען ניט וויסן, וואס איז פריער און וואס איז שפעטער, וואס איז פרימער, און וואס איז סעקונדער, וואו איז סיבה און וואו רעזולטאט: די איי איז פריער אדער די הון איז פריער.

דער צוויטער, דער „ווייל"־נוסח, מאכט דעם קאמף פאר א ד ע ג ר א־ ד י ר ט ן קאמף, גיט די קעמפנדיקע צדדים ניט צו קיין כבוד, ווי„ די אימפולסן צו זייער קאמף זאלן זיין לויטער עמאציאנעל־קאפריציזע און ניט אינטעלעקטועלע אנשויאונגס־מאמענטן.

מיין אייגענער „יא"־זאגן האט, אייגנטלעך, ניט פון וואנען צו שפייזן זיך, ער מוז פאראזיטיש אנקומען צו פרעמדע קעסט, צו דער שפייז פון יענעמס „ניין" זאגן. איז עס בכלל א סימן־דלות פאר דעם געפרעגטן, אויב מ'דארף זיך צו אים ווענדן מיט דעם אקצענט אין דער פראגע ניט אויף אים אליין, ניט אויף אים גלייך, נאר אויף אן אנדערן:



„זאג מיר, ווער איז דיין קעגנער, וועל איך דיר זאגן ווער דו ביסט . . . . אמת'ע אומאפהעניקע אנשויאונג, עכטע, ארגאנישע אמונה מאכט אלע מאל בולט קודם־כל, דאס וואס „איך בין" און ניט וואס „יענער איז".

אויב אין דעם קלאסישן: „וועני־ווידי־וויני־וויצי". — ווען מ'זאל אים אנווענדן אויף צווישנאידעאלאגישע שטרייטיקייטן, איז דער „געזיגט" דער סוף־פסוק און קומט ערשט נאכדעם, ווי פאר אים איז געווען דער „געקומען" און „געזען" (דעם צד־שכנגד), איז עס כלל ניט קיין לארבער־קראנץ נאר אן אנדער קראנץ פון מינדערווערטיקייט, פון מודה זיין זיך אין אייגענער מינדערווערטיקייט פאר דעם, מישטיינס געזאגט, „זיגער".

צום כבוד פון עצם־קאמף וואס צווישן יידיש און העברעאיש, צום כבוד פון ב י י ד ע קעמפנדיקע צדדים, מוז מען זאגן:

ס'איז ניט געבויט אויף בלויזער קנאה־קאפריציזקייט, ס'איז ניט באזירט אויף ביליקער דינגעניש, ניט דער וואוויליונגערישער „אהא" פון אונטערשטעלן א פיסל און א ר י ב ע ר ש ט י י ג ן יענעם איז דא דער עיקר, נאר די געלייטערטע אין איר אומאפהענגיקייט אנשויאונג, דאס זעלבסטשטענדיקע שטרעבן פון א ו י פ ש ט י י ג ן.

און כ'מוז אפן מודה זיין:

גאנץ גלייך, פון ו ו ע לכ ע ן צד ס'זאל ניט קומען דער שאדנפרייד־אוסגעשריי אופן חשבון פון יענעמס מפלה, איז ער, אט דער אויסגעשריי, מיר דערווידער, ווייל ער באווייזט באשיינפערלעך, אז דער אייגענער נצחון איז נאר א ביי־זאך. אז די לעבנספעאיקייט פון דער אייגענער אנשויאונג איז נאר א שפעטערע א ניט־וויכטיקער געזימס אויפן בנין, וואס זיין פונדאמענט איז דוקא יענעמס מפלה.

אז א יידישיסט הייבט אן ז י י ן יידישיסטישע ארגומענטאציע ניט ווי א פרומער ייד זיין דאווגען, פון „מה־טובו" וועגן דער קראפט פון יידיש, נאר פון א „המונם"־שפיי לגבי דער קראפטלאזיקייט פון העברעאיש אדער אז א הברעאיסט (צוליב דעם אמת מוז מען זאגן, אז העברעאיסטן שטייגן אין דעם פרט אריבער די יידישיסטן) האלט אין איין מעלאדעקלאמירן מיט פארגעניגען, מיט שוים אויף די ליפן: „אייער זשארגאן גייט דאך אונטער" א. א. וו.— זענען זיי ביידע, זאלן זיי מיר מוחל זיין, שכנים אויף איין נארע אין א קבצנישן „הקדש".

אויך און אפשר טאקע נאר אויף אזא נארע חיב'ט זיך דאך אפ דער קבצן פון שטויסן און שכנ'ס אויסגעדארטע פלייצעס מער ווי דורך שאפן זיך א באקוועמערן פלאץ פאר די אייגענע פלייצעס.

כ'האלט, אז דער א מ ת' ע ר נוסח איז דער, „און" נוסח דוקא. יידיש און העברעאיש באקעמפן זיך קעגנזייטיק צוליב א י י ג ע נ ע ר זעלבסטדערהאלטונג און זעלבסטפארשטארקונג און ניט צוליב יענעמס פארטיליקונג און אפשוואכונג.

מ'זאל מיך ריכטיק פארשטיין:

ניט וועגן ווייכלייביקן פאציפיזם רעדט זיך דא. פארשטייט זיך, אז סאי דער יידישיסט און סאי דער העברעאיסט איז פאראינטערעסירט אין קעגנערס אפשוואכונג

—דער אונטערשייד איז נאר אין דעם, ווי אזוי און אויף וואס פאר אפלאץ כראנאלאגיש די דאזיקע אפשוואכונג דעם קעגנערס ווערט געשטעלט:

צו אויפן ערשטן, אויפן לכתחילה׳דיקן, ווילקירלעכן אדער אויפן צווייטן אויפן ממילא׳דיקן און אומווילקירלעכן—

אז איך קעמף פאר דער פארשטארקונג פון מיין אמת, וועט דאך די אפשוואכונג פון י ע נ ע מ ס „אמת" ממילא מוזן קומען...

ריכטיק איז, אז כמעט 99 פאלן פון הונדערט טראכט גארניט דער יידישיסט און העברעאיסט, אונטערנעמענדיק עפעס לטובת דער פארשטארקונג פון ז י י ן זאך וועגן דעם צד שכנגד—

פ א ר א ל ע ל, אין פולשטענדיקער זעלבשטענדיקייט, גייען זיך אט די באמיאונגען און קאנסטרוקטיוויסטישע אנשטרענגונגען פוןביידע צדדים יעדערער פאר זיך. קודם־כל איז דער ווייזער אויפן ציפערבלאט בא זיי געווענדט מיט זיין לענגערן טייל צום אייגענעם קאנסטרוקטיוויזם, הגם ממילא־שוין איז דער צווייטער טייל פון זעלביקן ווייזער שפעטער אביסל געווענדט דעסטרוקטיוו צום קעגנערס צד.

און איך מוז ווידער אפן זיך מודה זיין:

פון אלע העברעאיסטן זענען מיר אממערסטן דערווידער און לעכערלעך—דא דערלאז איך שוין דוקא יא א „ווייל" במקום „און"—זיי זענען מיר דערווידער, ו ו י י ל זיי זענען לעכערלעך—יענע פון זיי, וועלכע קלייבן אויס פאר זיך דעם „ווייל"-נוסח:

—מיר באקעמפן אייער זשארגאן אין ארץ ישראל ו ו י י ל ... ווייל איר באקעקמפט אונזער העברעאיש אין רוסלאנד . . .

גע איך שוין ניט אריין אין דער עצם־אומגערעכטיקייט און אומלאגישקייט גיי זוך בא קאמיקער אזעלכע איידעלע זאכן, ווי „גערעכטיקייט" און „לאגיק"...) פון אזא קעגנאיבערשטעלונג: דער מיר באקעמפן אייער זשארגאן אין ארץ־ישראל איז טאקע א לעבעדיקער, א דירעקטער, א בלוט און פלייש־קאנקרעטער, בשעת דער „איר" און „איר באקעמפט אונזער העברעאיש אין רוסלאנד" איז בפירוש א געפעלשטער, א ממזר־אונטערוואורף —

וואס קענען מיר דא—„מיר טאקע אין דירעקטן זין פון ווארט" — טראגן אחריות פאר די וואס באקעמפן העברעאיש אין רוסלאנד?

ס׳איז דאך אין אט דער טענה קעגן יידישיסטן אין ארץ ישראל און אין אנדערע ערטער בכלל וואס מחוץ־רוסלאנד, פאראן פונקט אזוי פיל לאגיק און גערעכטיקייט ווי אין דער טענה פון אנטיסעמיטישע קריסטן קעגן יידן בא א פאגראמל:

„איר האט אונזער קריסטוס׳ן געקרייציקט!..."

און ווי, ליבע יידן וואלט געווען, ווען אין רוסלאנד וואלט מען ניט באקעמפט העברעאיש, וואלט איר אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ (אין חוץ לארץ האט איר דערצו נעבעך ווייניקער כח, ווי אין ארץ־ישראל) ניט ב א ק ע מ פ ט יידיש

וואס, אייער קעגנערישקייט צו יידיש איז נאר א נקמה־אקט? א בלויזער צאלן פון פראצענטן אויף א פרעמדן וועקסל, און קיין אייגענע אומאפהענגיקע אנשויאונג איז דערביי ניטא, קיין אייגענעם אמונה־וועקסל האט איר בא זיך אין אייגעעם אידעישן סייף ניט?

וויל איך זיין אייער אפאלאגעט אין דעם פרט, הגם די דאזיקע אפאלאגעטיק מיינע אנטהאלט איך אבאשולדיקונג, א שווערע באשולדיקונג קעגן אייך.



כ׳וויל אראפנעמען פון אייך איין שולד אייערע כדי אויף איר ארט צו ברענגען אן אנדערע א שווער באלאסטנדיקע:

אייער קאמף קעגן יידיש איז טאקע ניט קיין בלויזער נקמה־אקט קעגן די באקעמפער פון העברעאיש, ער איז אומבאדינגט א רעזולטאט פון אייגענער זעלבסטשטענדיקער אנשויאונג אלא וואס דען: איר באנוצט זיך מיט דעם „איר—און מיר—אויך"־ארגומענט. אייך טוט הנאה ווען אין פאס פון אייגנטלעכער אמונה טריפט איר צו ביטערע טראפנס פון נקמה. ס׳ איז א סטראטעגיק אזא, א שמוק וואס דארף שענער מאכן—און מאכט דוקא מ י א ו ס ע ר דאס פנים!—

עד כאן—פעסטשטעלונג. און איצט א פאר ווערטער פאר א טענה. ניט אין עצם נאר טאקע לשיטתו פון געפעלשטן נוסח פון אייער „ווייל"-ארגומענט.

אדרבא לאמיר אננעמען אויף א מינוט אז אייער פארביטערטע קעגנערישקייט צו יידיש וואקסט און נעמט זיך פון אייער צד שכנגדס׳ קעגנערישקייט צו העברעאיש, הייסט עס איר מעסט אייער זשארגאן־פרעסערישקייט לויט דער מאס פון יידישיסטישער העברעאיש־פרעסערישקייט.

איז עס אויף אזא אופן ניט מער ווי א זאך פון ריכטיק שטעלן פאקטן. א פשוטע בוכהאלטערישע דעבעט־קרעדיט קעגנאיבערשטעלונג.

איז ווי וועט זיין דער דין, ווען מ׳וועט דעם עצם־פאקט פון יידישיסטישער העברעאיש־פרעסערישקייט אפלייקענען, ווען מ׳וועט לכל הפחות דערווייזן אז יידישיסטן באקעמפן ניט אזוי, ניט אין אזא מאס העברעאיש דארטן ווי זיי האבן דערפאר די מעגלעכקייט, אזוי ווי איר באקעמפט יידיש? ווי וועט זיין אז מ׳וועט פון אייער נקמה ארגומעגט ארויסנעמען דעם יסוד פון נקמה, אז מ׳וועט פון אייער „ווייל"־פארמולירונג איינגאנצן או׳סמעקן דעם „ווייל"?

טא זאלן טאקע ריידן די פאקטן:

אין אלע שולן (אויסער שרייב און לייען צוויי. צוויי אויף 150) פון דער פארשריגענער דורך אייך צ. י. ש. א. אין פוילן לערנט מען העברעאיש א ל ס געגנשטאנד, אין אלע יידישיסטישע שולן פון לעטלאנד און ליטע פון רומעניע און ארגענטינע, פון די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע, אומעטום—אויסער רוסלאנד—ל ע ר נ ט מ ע ן ה ע ב ר ע א י ש א ל ס ג ע ג נ ש ט א נ ד.

איז, אויב דער „ווייל" אין דער פארמולירונג פון אייער יידיש־קעגנערשקייט איז אן אויפריכטיקער אן אמתער, פאר וואס ווערט איר אזוי אויפגעציטערט בא דער פראגעשטעלונג פון איינפירן יידיש א ל ס ל ע ר נ ג ע נ ג ש ט א נ ד א י ן ד י ה ע ב ר ע א י ש ע ש ו ל ן?

אויב „דו־מיר איך־דיר" איז דער אויסדרוק פון אויפריכטיקן מיין, פארוואס זשע זאל טאקע ניט קומען אויך „דיר יידיש אלס לערנגעגנשטאנד" אלס ענטפער אויף דעם „דו מיר העברעאיש אלס לערנגעגענשטאנד? איז דער תרוץ נאר איינער:

שוין אויסער דעם, וואס דער „ווייל" איז אין גרונט אויך איינגאנצן א פאלשער, איז העברעאיסטישע אגרעסיוויקייט קעגן יידיש אסך־אסך אגרעסי ווער ווי די אנטשפרעכנדיקע יידישיסטישע אגרעסיווקייט קעגן העברעאיש, און פארוואס? ווייל יידישיסטן האבן ווייניקער מורא פאר העברעאיש, ווי העברעאיסטן פאר יידיש.

און גייט ניט און שרייט ניט אין די גאסן מיט שוים אויף די ליפן:

יידישיזם איז דער המן, דער אויסראטער פון העברעאיש. פון העברעאיזם—יא פון העבראיש אבער ניט.

ליובע וואסערמאן | ירושלים

## לעצטע פרייד

טראפנסוויִז איז אויסגערונען
מיין לעצטע פרייד,
מיין אויסגעבענקטער אומעט,
ווי טראפנס שווייס אויף אפגעגאלטן שארבן.

פאלן איצט פארלאנגען מיינע,
ווי זאנגען ביי דעם שניטער
אויף א ברייט צעגעלטן פעלד.
ברויזט מיין לעצטער ציטער,
ווי ס׳גערויש אין גרינעם וואלד,
און גייט אויס מיט מיין געמיט.

פאלט שטיל מיין פערלדיקע טרער
און גלעט מיט נאסן שיין.
אָן אן אנהויב זיך געענדיקט
און א סוף זיך ניט געשטילט...

י. צ. שארגעל | חיפה

## מיין יעדער טאג

מיין יעדער טאג איז א רויער ערב יום טוב.
איך באק און קאך און ראם, ווי מיין מאמע אין גוטער צייט,
איך פראל די טירן אויף פון מיין ארעמער וואוינונג,
ווי ס׳פלעג מיין טאטע טון און אלע גוטע לייט.

מיין יעדער טאג איז א שטוטער ערב-שמחה,
כ׳דערוואַרט מיינע געסט אין אים פון אלע עקן וועלט.
עס רייסט זיך מיין הארץ קיין מערב און מזרח
און מיינע אויגן—צו אלע זייטן וועלט.

און פירן קאראוואנען אין רויען בין השמשות
מיין ערב יומטובדיקע תפילה, מיין ערב-שמחהדיק באַגערן,
גייט אויף מיין בענקשאפט ווי געבעט אויף רעגן
און פירט מיך א מידן מיין טאג אנטקעגן.



מנחם סטעמפל | נס ציונה

## די פויסט

ס׳איז גוט וואס מיינע מוסקלען זענען שטארק.
איך ווייס פאראויס:
איך וועל א טאטע זיין
און קומען וועלן צו מיר די קינדער מיינע
מיט צארן אין די אויגן,
מיט קללות אויף די ליפן:
וואס איך האב זיי געהאט?
וועל איך זיי זאגן:
שווער געווען זענען די טעג
און לאנגווייליק די נעכט...
און איך וועל הייבן פויסטן איבער זייערע קעפ.

---

אהרן קאווע | חיפה

## דער אלטער שמיד

דעם שווערן פאלירטן טיש, וואס דער אלטער שמיד האט מיטגעבראכט פון שטאט, האט ער אריינגעשטעלט אין עס צימער פאר די עטלעכע אלטע מאמעס. דאס האט ער אזוי ווי אריינגעלייגט זיין חלק אין שותפות. דער טיש האט אין זיך געהאט צוויי פלאטן. נאר דאס ארויסרוקן האט ער איבערגעלאזט אויף שבת, און אויך א פלאש וויין צוגעגרייט.

דאס ווייסע טישטוך איז שוין געווען פארשפרייט, ווען ער האט זיך שטילערהייט פארגנבעט צום ברעג־טיש און ווי פון א טיפער באהעלטעניש ארויסגערוקט א גלאנציקע פלאטע. ער האט מיט זיין איינציקן אויג געשענקט א בליק די דריי אלטע ווייבער, וואס זענען געווען פארנומען ביי די מעשענע לייכטער, יעדע ביי אירע אייגענע. דערנאך האט ער ארויסגערוקט די צווייטע פלאטע. דאס טישטוך איז געבליבן ליגן ווי א שטארק אויגעוואקסן מלבושל. מיט א קלאפ האט ער אוועקגעשטעלט די פלאש וויין.

– זע מיר האבן דאך גאר א צינד קיין טישטוך נישט! — האט איינע געזאגט.

–באלד, באלד וועט זיין—האט די צווייטע מיט שמחה עטלעכע מאל דאס ווארט איבערגעחזרט און געלאפן צו זיך אין שטוב ארויספאקן פון איר "אייגנס".

דאס קומען פון דעם יידן אין קבוצה אריין איז פאר די אלטע ווייבער געווען א יום־טוב, ווי זיי וואלטן צוריק באקומען עפעס פון זייערע שוין לאנג פארשטארבענע מאנען. דער אלטער מאנספארשוין האט זיי צוריקגעבראכט א

טייל פון זייער פארלארענער יוגנט· זענען זיי פול געווען מיט ליב צו חנהלעז פאר איר גוטן געדאנק אהערצונעמען איר טאטן·

צומארגנס׳ אז חנה האט געעפענט די טיר זענען די פייגעלעך פון פענסטער זיך צעפלויגן׳ איבעלאזנדיק א ווייך שטיקל ברויט׳ א דורכגעלעכערטס מיט די שנאבלען· דער אלטער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין נאכמיטאג דרימל׳ גענומען אין דער האנט די פלאש פון וויין׳ אריינגעקוקט מיט זיין איינעם אויג׳ פארקנייטשנדיק דאס פארמאכטע·

—גייען מיר הייסט עס אנקוקן דיין ווירטשאפט·

דער דארפישער דרויסן האט געאטעמט פריש און געזונט· אין דער געליי טערטער לופט האבן זיך געזען די ברייט ארויסגעשטעלטע בייכער פון די ווייטסטע בערג. פארטרוקנט פונם לאנגן זומער׳ האט די ערד דארשטיק איינגעזאפט די ערשטע רעגנס׳ אירע שפאלטן האבן זיך צענויפגערוקט און אויף דער ווייכלעכער אויבערפלאך האבן זייערע טריט זיך אפגעפרעסט· זי האט דעם טאטן געוואלט ווייזן דאס׳ וואס איז איר אממיינסטן ליב געווען—די קי· געשטאנען זענען זיי אלע אין ארומגעצוימטן הויף׳ און אין דער ליידיקער נייגעבויטער שטאל האבן א סאך פייגל הילכיג געשפילט· זי האט געעפנט דאס טויער·

—זעסט׳ טאטע ?

דער גרויסער קורץ־פיסיקער אקס איז צוגעגאנגען צום אייזערנעם צוים פון זיין אפגעזינדערט הייפל· שווער וויגנדיק זיין ריזיקן גוף.

—ער הייסט ביי אונז שמשון—האט זי געזאגט.

—שמשון הגבור—האט דער שמיד געוואלט אים א טאפ טאן דעם קארק· האט ער אבער אזא שטארקן און בייזן בלאז געטאן מיט דער געלעכערטער נאז׳ אז דער אלטער האט תיכף די האנט צוריקגעכאפט· א קו איז צוגעקומען· דער אקס האט צו איר א שמעק געטען· פארריסן די אויבערשטע ליפ ביז צו דער פייכטער נאז און מיט פארגאסענע אויגן געקוקט אויף דער גאנצער טשערעדע קי וואס האבן געטריי זיך געלעקט׳ געפרובט שפרינגען איינס אויף ס׳אנדערע. דער שמיד האט זיי פינקטלעך איבערגעציילט· אויסגערעכנט וויפיל ס׳טראגט אויס אויף איין חבר פון דער קבוצה· ער האט שוין געוואוסט וויפל מענטשן ס׳געפינען זיך דא·

זיי זענען צוגעגאנגען צום הייפל פון די קעלבלעך· א קליין ווייס־געפלעקט קעלבל איז מיט אומזיכערן גאנג צוגעקומען· חנה האט די האנט אויסגעשטרעקט׳ עס האט א פינגער אריינגענומען און אנגעהויבן זייגען· די קעלבער האבן געמיינט אז מע האט פאר זיי עסן געבראכט׳ איינס נאך איינס צוגעקומען׳ געשטופט די קעפ אין ענגשאפט· א הויך מאגער קאלב האט פון ווייטן געקוקט אויפן שמיד׳ פלוצים א ווילדן הויב געטאן דעם קאפ און אנטלאפן מיט א פארריסענעם עק·

זיי זענען אריין אין שטאל· די פייגל האבן אלע מיט איין מאל זיך א הייב געטאן׳ ארויסגעפלויגן׳ איבערלאזענדיק א ווינט אין דער ליידיקער שטאל· דער



אלטער איז ארומגעגאנגען אויף דעם געקעסטעלטן בעטאנענעם דיל׳ געטראכט אז אין די דירות פאר די מענטשן איז אזא שיינער דיל נישטא·

—ביי אונז דער רייכסטער פאמיעשטשיק האט נישט אזעלכע שטאלן מיט אזעלכע דילן· מיר דאכט זיך אז ס׳איז גאר איבעריק·

—טאטע—האט חנה מיט הארץ געזאגט—פארוואס זאלסטו מיינען׳ אז קיינער פארשטייט שוין גארנישט· אז מ׳האט געמאכט אזא שטאל מסתם האט מען באדארפט אזוי·

פון די נאענטע ווייסע הייזלעך האט זיך דערטראגן א באטאגעדיק איבעריק שפילן פון א פאטעפאן·

—איר לעבט אייך דא אין „ראסקאש״׳—האט ער ווי פארהערט דער טאכטערס רייד—א גראמאפאן שפילט אייך צו׳ איר זאלט נאך עסן אביסל בעסער׳ וואלט איר געווען טאקע אמתע פאמעשטשיקעס·

דאס שפילן האט דעם שמיד דערמאנט אין עשירות· אין זיין ווייטער קינדהייט פלעגט ער מיט דרך־ארץ זיצן ביי א רייכן שכן און זיך צוהערן צו א גראמאפאן· פון דעמאלט איז עס אים געבליבן א סימן פון רייכקייט·

חנה האט געזען׳ אז מיט רייד וועט זי אים נישט נעמען׳ איז זי געגאנגען אים—נאך ווייזן·

די קי פון אראבישער ראסע האבן געהאט א באזונדערע שטאל מיט א באזונ־ דערן הויף. האט זי אהין א ווייז געטאן מיט דער האנט׳ מיט א פרייער מינע ווי פריער.

— זעסט. טאטע !

אויך זיי האט ער פינקטלעך איבערגעציילט׳ צו דער פריעריקער צאל צוגערעכנט· איז אים שוין אויסגעקומען א גרעסערער חלק אויף א מענטשן ס׳האט זיך אים אבער אויסגעוויזן׳ אז ער איז זיך טועה אין חשבון·

— וויפל האב איך דארט געהאט ווייסטו נישט ?

—וואס ?—האט חנה זיך געוואונדערט·

—כ׳מיין וויפל בהמות שטייען אין יענעם הויף ?

דערנאך האט זי אים געוויזן די פערד׳ זיי זענען אלע נעשטאנען אין שטאל געגאנערט די קעפ אין פרישן גרינס· אויף דער קארעטע לעבן אלטן פערד׳ וואס מע נוצט אים שוין בלויז צו הויף־ארבעט׳ איז געשטאנען דער גראער הונט און פריילעך געבילן אויף אים ווי גלייך אין אויער. עס האט אים נישט שטארק געארט׳ ער האט בלויז געפאכעט מיט זיינע גרויסע אויערן און געקייט· דאס מיידל האט אים געשנקט א גלעט·

—ווי פילסטו זיך׳ יאסעלע ?

יאסעלע האט מען אים א נאמען געגעבן צוליב זיין נעבעכדיק אויסזען דער גלעט איז אים געווען דערווידער׳ ער האט נאך געקענט מיטן עק א שטארקן שמיץ טאן און געטראפן אין איר האנט·

א בליק ווארפנדיק אויף די הויכע געזונטע פערד האט דער אלטער געט־ראכט ווען מען זאל יעדן איינטיילן זיין חלק וואלט איטלעכער זיך געקענט דורכ־לעבן אן דעם גאנצן רעש מייטן שותפות.

זי האט אים צולעצט געוויזן, וואו ס'דארף זיין דער הויפט ארייינפאר אין דארף. ווייסע שטעקעלעך־סמנים אויף ביימער־זענען געווען פארזעצט אין צוויי שורות ווייט בארג אראפ.

—דא וועלן זיין פארפלאנצט ביימער. אינמיטן וועט זיך ציען דער וועג. פאר אירע אויגן איז די אלעע געשטאנען שוין אן אויפגעוואקסענע. זומער וועט זיין שאטענדיק קיל, ווינטער וועט רוישן, די שפיצן ביימער וועלן איבערן וועג אין ווינט זיך פלעכטן, אין די טונקעלע פארנאכטן וועט קומען אנצופארן פון די נאסע פעלדער א וואגן. פון די פערד וועט גיין א פארע און זיי וועלן ציען בארג ארויף א היים.

—ווייסט וואס כ'וועל דיר זאגן, טאכטער — האט ער איבערגעשלאגן איר שווייגן, טאקע א גאנץ שיין פארמעגן. ס'איז דאך אבער נישט דיינס.

— ווע‌מענס דען ?

—אז דו וועסט וועלן פארלאזן וועט מען דיר עפעס מיטגעבן ?

— ניין, נאר כל זמן כ'בין דא, איז עס מיינס.

— זאל מען ווידער וועלן אויסרעכענען, קומט אויס אויף יעדן איינעם א גאנץ נישקשהדיק חלק.

— א צינד האבן מיר דאך שוין צוויי חלקים—האט זי געוואלט הערן, ווי זי האלט מיט אים.

— איך וועל מיר נאך מיין שטיקל ברויט אליין קענען פארדינען.

---

# אן הענטשקעס.

## די ליכטיקע שיין וואס לאזט ניט שלאפן.

ווי נאר ס'איז ארויס אונזער העפטל "מאי" האט זיך דער ערשטער אויפגעכאפט דער "דואר היום", בעלי בתים בייט ער ווי שמוציקע וועש, נאר זיין שיטה "שונד זאל לעבן" בלייבט נישט געריררט, בן אבי, אט "דאס ערשטע יינגל וואס האט אנגעהויבן רעדן העברעאיש" איז אבער מער בריה דערויף ווי די אלע הערשלס און וויגדערס, און ווי רופט מען זיי נאך, עס איז ווייזט אויס עפעס אנדערש אז מ'לערנט העברעאיש "פון דער מאמעס בויך" איידער אז מ'לערנט עס "אין טאטנס בוך".

—דער שאטן פון זשארגאן צוריק ביי אונז און לאנד !
אים געהאלטן פאר טויט און אט גנבעט ער זיך צו אונדז ארייין ווי א שלאנג !
אלע יידן (כל ישראל) אקסל צו אקסל קעגן דער וואגנדן נסיון !

דאס זענען בלויז די קעפלעך פון איין לייטארטיקל אין "דואר היום" פון 6—טן מאי. דער עיקר אבער, די ראזשינקע קומט אין טעקסט. דארט ווימלט מיט שקרים, סטרא־



־ונקעס, אויסרופן, נישט ערגער חלילה ווי אין רעדאקטארס ראמאן אונטערן שטריך. ער איז נעבעך נישט שולדיק, דער אדון בן־אבי ! די ליכטיקע שיין לאזט אים קיינמאל נישט רוען.

## מאביליזאציע.

און אויב איר ווייסט ניט, טא זאלט איר עס וויסן, דא אין לאנד גייט ארויס א בלעטל אזא וואס הייסט "במערכה", א מערכה וואס מיר האבן אייך דערציילט. אט דאס דאזיקע בלעטל איז נישט מער ווי דער הייזעריקער טרומפייט פון דעם גענעראל־שטאב פון די פאשיסטן, רעוויזיאניסטן. אבער א טאן כאפן זיי פון א גאנצן "דזשאז" זייער א קעפל איז דאס מאל :

יידישע יוגנט אין די באטאליאנען !

און דאס אלץ קעגן דער "שרעקלעכער סכנה". נאכן ערשיינען פון "מאי". דארט אין ארטיקל ווערט דערציילט. ווי בראוו און שיין "די יוגנט" האט עס אויפגענומען אמאל ד"ר זשיטלאווסקין, ווען ער האט געהאט די העזה ארויסצוטרעטן אין יידיש אין א"י וכדומה אזעלכע ספארטן, "במערכה" ווארט אויף דער פארזעצונג. דער עיקר איז מאביליזאציע !

די אידעאלאגן פון "סאלדאטשינע" זוכן ווידער א שטאך ארבעט !

## דער נייער שטאלמייסטער

און צו אלע שלעק איז נאך פאראן אין א"י איינער אן אונגארישער פעדלער וואס מוז ארויסווארפן אן אייגענע "טריבונע", ווייל פון אלע צייטונגען וואו ער האט געארבעט האט מען אים שוין ארויסגעווארפן.

ערשט וואס צוריקגעקומען פון אויסלאנד. און אז באלד נאך אים איז געקומען א שטעק־בריוו, היות אזוי און אזוי, אזוי האט ער געזאמלט און אזוי האט ער זיך אויפגעפירט מוז זיך דאך געפינען עפעס א מיטל ווי אזוי צו ווערן ווידער א ניצלעכע כלי אין "נאצי־אנאלן גייסט" און דערצו איז דאך זיכער א סגולה בדוקה א פראוואקאטארישער אנפאל אויף א יידישן העפט.

דער דאזיקער פלאפלער, וואס בעט מחילה ביי זיינע העברעאישע פערד וואס ער נעמט אריין אין שטאל א בייסיקן יידישן אייזל, ווער איז ער עס ? דאס איז דאך אונדזער באקאנטער האבער־פרעסער וואס ווי ער דערשמעקט א ביסעלע האבער אין דער קארעטע כראמטשעט ער עס אויס ביזן דנא—און ער איז עס געקומען ווערן דער שטאלמייסטער פון דער העברעאישער ליטעראטור.

אט ערשט דוכט זיך אין די טעג וואס אויף די שפאלטן פונס "מָחָר" זיינעם, איז אויסגעגאסן זיין גאנצער גייסט, א פאמויניצע, זייט מיר מוחל, און פאסקווילן מכל המינים אט די ספעציפיש אביגדור המאירישע, די גוט באקאנטע מאכערייקעלעך—אט אין די טעג דערציילן די צייטונגען וועגן דעם ווי אזוי ער איז געפארן איבער די מדינות פארן קרן היסוד און געבראכט... א באשלוס פון א קאמיטעט מיט א ספעציעלן פאנד צו בויען אים און ארץ ישראל אן אייגענעם "בית לאומי".

אט דער שונדיסט, דער מאניאק פון "גרויסן שגעון" וואס יאגט זיך נאך רעמארקן און בלייבט צופרידן מיט גראשנס, ער, וואס פלעגט פלעכטן גראמען פאר א סיגארעטן־פאבריק פאר עטלעכע פעקלעך סיגארעטן א טאג, פסקנט אז אין "מאי" איז ניטא קיין איין שרייבער און קיין איין דיכטער און דאך איז א ספק צו האט ער "דער גרויסער דישטער פון אונגארן" אין זיין גאנצן גרויסן באגאזש שוין אנגעשריבן אמאל עטלעכע אזעלכע הארציקע און אמתע לידער ווי די פון מאטל וועקסלער אין "מאי".

א שאד וואס עס קומט אונדז אויס מטפל צו זיין זיך מיט אזוינע נפשות אין אונדזערע העפטן, די לייענער וועלן אונז מוחל זיין, ווען איינער קריכט דורכן פארקן צו דיר אין הויף איז נישטא קיין אנדער ברירה ווי צו געבן איבערן שנוק.

## ווער עס גראפאמאנעוועט

סערוני הייסט דאס שוואכענקע בחורל נעבעך׳ וואס האט פארדינט גאנצע 25 פיאס־טארעס פאר א פעליטאנטשיקל אין „הארץ" 16—טן מאי. און באמת פארגינען מיר אים דאס׳ אדרבא׳ זאל א בחור פארדינען׳ נאר עפעס שיסט ער אודז צופיל מיטן ווארט גראפאמאן וכדומהי נאך אביגדור המאירי איז דאס שוין באנאלי ער זעט דערמיט אויס כמעט ווי א שטיולי פוצער ביי דעם „גרויסן" העברעער׳ און דאס טאר אזא אריגינעלער גייסט בשום אופן נישט זיין׳ ווילט זיך מיר אים בלויז א קלייניקייט דערמאנען׳

ערשט מיט א יאר צוריק האסט דו׳ יוסיפון המכונה סערוני׳ געדרוקט אין „הארץ" קליינע פעליטאנדלעך מיינע׳ איך האב זיי געשריבן און דיקטירט׳ דו האסט זיי מיט דיין האנטשריפט איבערגעשריבן׳ אוועקגעשטעלט דיין נאמען אויף זיי׳ טאקע דיין כשרן נאמען „סערוני"׳ אט דו „היילִיק" פארשוינדל׳ וואס רעדסט פון „ביזנעס"׳ האסט פאר די פעלי־טאנדלעך געטיילט זיך מיט מיר העלפט אויף העלפט׳ שעם זיך נישט׳ צו 12 מיט א האלבן פיאסטר׳ ארעמקייט איז נישט קיין שאנד׳ בלייבט אונדז איבער צו באשליסן׳ אויף וועמענס אדרעס פאלט איצט דער גראפאמאן׳

נאר נאך אלעמען מוז איך דאך זאגן :

—בראוואַ סערוני ! סוף כל סוף האבן מיר הנאה פון דיר׳ ביזט פארט א לץ ! זע בחורל׳ זאלסט חלילה ניט פארקילן דיין טאלאנט׳ ווען ניט שטעלסטו חלילה דעם „הארץ" אין גרויס סכנה׳ און וואס וועט דעמאלט בלייבן מיטן קאפעטשקע העברעאיזם און „עספעראנטא"?

**א· בליי**

---

## היתכן׳ ר׳ אלתר דרויאנאָוו ?

איר וועט דאך געוויס ניט נעמען פאר אומגוט׳ וואס איך פארעפנטלעך אט די שורות אויף די שפאלטן פון „יוני"׳ איר זייט דאך א גרויסער ליבהאבער פון דער יידישער שפראך און י י ד י ש ן פאלקלאר (והא ראיה׳ אייערע י י ד י ש ע וויצן וואס איר האט ארויס־געגעבן אין ה ע ב ר ע א י ש ן — וועט איר דאך זיכער ניט פאראיבל האבן׳ וואס איך וועל אייך אויפמערקזאם מאכן אויף איין קלייניקייט :

איר זייט דאך רעדאקטאר פון דער „אשכול"—ענציקלאפעדיע פאר ניי־העברעאישער ליטעראטור און ארץ־ישראלדיקע ענינים וויל איך זיך אננעמען די קריוודע פון אן ארץ־ישראלדיקן יידן׳ וואס האט פארעפנטלעכט יידישע ספרימלעך אין ירושלים תובב"א און וואס האט אויפגעמונטערט זיינע ברידער מיט א פריילעכן יידישן ווארט׳ וואס האט געקעמפט קעגן די משולחים און וואס האט אין זיין צייט אויפגערודערט ירושלימער אלט-שטאט— כ׳מיין דא א ש ר ל י י ב ב ר י ס ק ן ׳ פארוואס קומט דאס אים׳ אז זיין נאמען זאל ניט דערמאנט ווערן אין דער ענציקלאפעדיע ? פארוואס האט איר אים ארויסגעווארפן ? מיט וואס האט ער זיך דאס אזוי פארזינדיקט קעגן אנדערע משומדים׳ וואס גייען דארטן יא אריין ?

כ׳וועל באמת זיין צופרידן׳ ווען איר וועט מיר אויף מיין תמעוואטער פראגע ענטפערן אין קומענדיקן יולי—העפט·

**מאטל פייגעס**

---

## נ א ט י צ ן

### טערראר

די דרוקערי׳ „אחדות" אין תל־אביב וואו עס האט זיך געדרוקט דאס העפט „מאי" האט באקומען׳ ווי מיר דערוויסן זיך׳ א דראונג פון אן אנגעזעענער קרעדיט אינסטיטוציע׳ אז אויב זי וועט דרוקן „זשארגאן"׳ וועט זי פארלירן די ארבעט פון דער דאזיקער אינסטיטוציע·

די בוכהאנדלונגען׳ וואס האבן געוואגט ארויסצושטעלן דאס העפט „מאי" צום פארקויף האבן באקומען מינדלעכע דראונגען׳ אז „אויב זיי ווילן האבן גאנצע שויבן" זאלן זיי דאס העפט ניט פארקויפן׳ די העפטן זענען צוריקגעגעבן געווארן דעם פארלאג·

### געסט

אין לאנד געפינען זיך איצט די צוויי חשובע געסט ב· סמאלאר און ל· ליאוויביידע זענען וויכטיקע טוער אויפן געביט פון יידישער קולטור· ב· סמאלאר וועלכער איז אהער געקומען אין די אינטערעסן פון דער „אידישער טעלעגראפן אגענטור" איז גוט באקאנט אין דער יידישער זשורנאליסטיק· סמאלאר האט אויך געגעבן זיין צושטייער אויפן געביט פון יידישער קינדער ליטעראטור· זיינע ביכלעך קינדער לידער זענען גוט פארשפרייט און באקאנט אין אלע יידישע שולן· אויסער דעם האט סמאלאר געשריבן אסך וועגן ליטעראטור·

ל· ליאוו איז איינער פון די ווינציקע יידישע מוזיקער וואס האבן זייער גאנצע ארבעט געווידמעט די יידישע ארבעטער קינדער· די לעצטע יארן איז ער פארבונדן מיט די יידישע שולן פון „ארבעטער רינג" אין אמעריקע· אויסער די שולן איז אויך ל· ליאוו פאראנטווארטלעך פאר אסך ארבעטער כארן וועלכע זענען דורך אים׳ געגרינדעט געווארן און ווערן אנגעפירט דורך אים׳ צווישן זיי אויך דער כאר פון „אידישן נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד"׳ סמאלאר האט באזוכט דעם יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין ארץ ישראל· די רעדאקציע באגריסט הארציק די חשובע געסט·

### „דריי"

אין קורצן וועט דערשיינען א זאמעלהעפט „דריי" ארויסגעגעבן פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין ארץ ישראל· אין דעם זאמעלהעפט וועלן זיך באטייליקן חברים פון קלוב׳ מיט פובליציסטישע און דער עיקר בעלעטריסטישע ארבעטן·

### א יידישע קינדער ענציקלאפעדיע·

פריינט ב· קאראלניק פון ירושלים ארבעט שוין א לענגערע צייט אויף א זייער וויכטיקער ארבעט : אן ענציקלאפעדיע פאר יידישע קינדער·

### פארלאג „אין צוים"

פארלאג „אין צוים" גרייט זיך ארויסצוגעבן א ריי קליינע ביכעלעך צווישן זיי נאוועלן׳ לידער׳ עסייס און איבער פארשידענע קולטורעלע פראגן אין לאנד· דאס ערשטע ביכעלע וואס וועט גאר אין קורצן דערשיינען איז פון יעקב שטאל „די חתונה אין קאטרע"· באשטעלונגען קענען שוין געמאכט ווערן·

---

### באמערקונג פון רעדאקציע :

צוליב טעכנישע טעמים איז די ארטאגראפיע אין היינטיקן נומער ניט אויסגעהאלטן:

---

פאראנטווארטלעכער (האחראי) א· צפורי

פרייז אין לאנד: 15 מיל.
אין אויסלאנד: 15 סענט.

צייטווייליקער אדרעס פון רעדאקציע!
Varlag „In Zoim", Tel Aviv, Palestine, P. O. B. 313.

---

דפוס "המערב" ירושלים.